בס"ד. שיחת ש"פ וישלח, ט"ז כסלו ה'תשכ"ט.

הנחה הת' בלתי מוגה.

א. בכלל אז מבענטשט א אידן, איז פאראן דאס וואס שטייט אויף דעם אין תושב"כ און אזוי אויך אין תושבע"פ, ובפרט אין תושבע"פ וואו עס איז מבואר דאס וואס שטייט אין תושב"כ, אז כבר מלתי אמורה ואברכה מברכיך, וואס כפשוטו זאגט דאס דער אויבערשטער - אז דער וואס וועט בענטשן אברהם'ן, אדער זרעו של אברהם, וועט געבענטשט ווערן פון אויבערשטן.

וואס דאס איז ניט תלוי אין א עשי' פון דעם מתברך, נאר אין אלע אופנים, אויב נאר ס'איז פאראן א איד וואס בענטשט דעם צווייטן יעמאלט בענטשט אים דער אויבערשטער.

פונדעסטועגן איז עס א חובה נעימה אז דער מתברך זאל צוריק בענטשן, וואס יעמאלט בענטשט זיכער דער אויבערשטער, ווארום אז מ'טוט אימצ'ן א טובה אדער א נחת-רוח ובפרט א מ'בענטשט עם, איז פאראן א חובה לברך את המברך. וואס דעמאלט ווערט נתוסף אף דעם ואברכה מברכיך פון דעם אויבערשטן, וואס ס'איז ניט תלוי אין קיין פעולה פון דעם מתברך, ווארום עס זיינען דאך דא דרגות אין דעם, וכמשי"ת לקמן.

דאס וואס מ'זאגט ואברכה מברכיך איז ניט די כוונה דוקא א איד, נאר אפי' אויב דער מברך איז א אינו יהודי, זאגט דער אויבערשטער ואברכה מברכיך, און כ"ש אז די ברכה איז פון א איד, ווארום מה-דאך אויף א ברכה פון ניט קיין איד, וואס לכאורה פועל'ט דאס גארניט למעלה, פונדעסטוועגן זאגט מען ואברכה מברכיך וואס פון דעם איז פארשטאנדיק אז זיין ברכה פועל'ט יע, כ"ש אז די ברכה פון א אידן, וואס פועל'ט, ווארום אזוי ווי דיבורו של הקב"ה חשיב מעשה, איז עס אזוי אויך בא אידן - אז דיבורו איז חשיב מעשה, איז במכ"ש אז ס'פועל'ט, און ס'האט דעם ענין פון ואברכה מברכיך. וואס דערפאר ברענגט ער אין מאמר ברוך תהי' מכל העמים, פון ביכל תרכ"ט - מיט הונדערט יאר צוריק - אז אויך אויב די ברכה איז מכל העמים, איז ג"כ ברוך תהי'.

נוסף לענין הנ"ל, איז מען בזמן האחרון מוסיף דעם לשון "בתוספתו של הקב"ה שהיא מרובה על העיקר". ובענין זה איז פאראן א קשיא, נאר קיינער פרעגט עס ניט, און מ'דארף עס אליין פרעגן, - נאר דאס איז אויך קיין חידוש ניט, ווארום כהלשון הוא מותיב לה והוא מפרק לה.

דער ענין פון תוספתו של הקב"ה, ברייינגט זיך אין מדרש רבה - דברים, און ס'ברייינגט זיך אויך בקיצור אין מדרש אויף די פרשיות בראשית, אבער באריכות ובפרטיות איז דאס אין דברים, וואס ער שטעלט זיך דארט'ן אויפן פסוק: יוסף ה' עליכם ככם אלף פעמים ויברך אתכם כאשר דיבר לכם, און דער מדרש ברייינגט אויף דעם ב' פירושים. איינער איז אז יוסף ה' דאס איז תוספתו של הקב"ה וואס זי איז מרובה על העיקר, און ווי.מ'געפינט בא אברהם אבינו אז פריער האט ער גיהאט צוויי קינדער, און דערנאך אז ס'שטייט ויוסף אברהם ליקח אשה האט ער גיהאט זעקס קינדער, און אזוי אויך בא יוסף'ן, וואס רחל האט מתפלל גיווען און גיבעטן יוסף ה' לי בן אחר, איז יוסף האט גיהאט צוויי קינדער, און בנימין צען, שזהו תוספתו של הקב"ה שמרובה על העיקר, און אזוי אויך בא חזקי'.

- וואס דאס האט א קשר מיוחד מיט י"ט כסלו, וואס אויף חזקי' שטייט, ביקש הקב"ה לעשות חזקי' משיח, און וויבאלד אז ביקש הקב"ה איז אזוי געווארן אין עלמין סתימין, און סוכ"ס וועט דאס נתגלה ווערן אויך אין עלמין דאתגליין, וואס דערפאר איז פאראן א דיעה אז חזקי' שמו -

אז דורך זיין תפילה איז צוגעקומען ט"ו שנים למלכותו, וואס פריער איז ער גיווען א מלך מער ניט ווי י"ד שנים, און שפעטער נאך ט"ו שנים, און אזוי אויך בא איוב אז פריער האט ער גילעבט נאר שבעים שנה, וע"י תוספתו של הקב"ה איז צוגעקומען ק"א שנה, און אזוי אויך בא משה, וואס האט גיזאגט יוסף ה'עליכם, איז דאס תוספתו של הקב"ה שמרובה על העיקר.

א צווייטן פי' ברייננגט דער מדרש, אז משה רבינו האט גיזאגט אידן יוסף ה' עליכם ככה אלף פעמים, האבן אידן גיזאגט עד כאן ותו לא? האט משה גיענטפערט, זה משלי, אבער דער אויבערשטער וועט אייך בענטשן כאשר דיבר לכם אשר לא ימנה ולא יספר מרוב.

זעט מען לכאורה פון דעם אז דער ענין פון תוספתו של הקב"ה מרובה על העיקר איז פארבינדן מיט דעם לשון הוספה, אבער דארטן וואו ס'שטייט ניט דער לשון הוספה, נאר סתם א ברכה פון דעם אויבערשטן, ווענדט זיך דאס אין וויפל ער האט צוגיזאגט, איז אויב ער האט צוגעזאגט אשר לא ימנה וגו' איז עס אזוי. און אויב ניט, איז עס וויפל ער האט צוגיזאגט, ובמילא ווי זאגט מען אז וואברכה מברכיך (ניט בלשון הוספה) איז בתוספתו של הקב"ה שהוא מרובה על העיקר?

נאר דער ענין איז מבואר, עפ"י דעם ערשט'ן מאמר פון ביכל כ"ט, וואס הגם אז דער זמן אמירת המאמר איז ניט ידוע, אבער דאס איז זיכער, אז ער האט דאס גיזאגט פאר חנוכה און מאמרי שמח"ת זיינען דאך בסוף ספר תרכ"ח, וכידוע אז רבותינו נשיאינו פלעגן מצרף זיין די מאמרים פון חודש תשרי צו דעם פריערדיק'ן יאר, און די מאמרים פון דעם נייעם יאר אנהויבן פון בראשית, (כמדובר בזה כ"פ בארוכה) ואי"כ איז דער מאמר שייך לזמן זה ובפרט לי"ט כסלו, וואס ער ברייננגט דארטן דעם ענין פון פדה בשלום נפשי.

איז ער דארט מבאר דעם חילוק פון ברכה ותפילה, אז ברכה איז מלשון המבריך וכו', שמבריך וממשיך פון שורש ומקור ס'זאל נמשך ווערן למטה, וואס אויף דעם דארף מען אויך דורכגיין כמה הרפתקאות והשתדלות ויגיעות ביז עס קומט אן למטה. וואס דאס איז דער גוואלדיקער אופטו פון א ברכה, עס איז אבער נאר פון שרש ומקור. משא"כ תפילה איז ענינה, יהי רצון אופטאן א נייעם רצון, א המשכה חדשה, הגם ס'איז ניט גיווען אין שרש ומקור.

וואס מ'קען זאגן אין דעם, אז דער חילוק איז נאר ווען א אדם למטה בענטשט, משא"כ אז דער אויבערשטער בענטשט איז ניטא די הגבלה אז ס'ווערט נמשך דוקא פון שרש ומקור, וויבאלד אז דער אויבערשטער איז העכער פון אלע מדידות והגבלות, און איז בעה"ב אויפן שרש אויך. במילא איז ברכתו של הקב"ה ממשיך אפי' העכער פון שרש ומקור.

וואס עפי"ז איז פארשטאנדיק, אז בשעת א איד למטה בענטשט בשליחותו של הקב"ה, יעמאלט איז דאס כברכתו של הקב"ה, וואס זי איז ממשיך העכער פון שרש ומקור, וויבאלד שלוחו של אדם כמותו, וואס אזוי איז אויך בא אדם העליון - ששלוחו כמותו.

און דאס איז די מעלה פון ברכת כהנים אויף סתם א ברכה, אז וויבאלד זיי בענטשן בשליחותו של הקב"ה, איז עס ממשיך העכער פון שרש ומקור, כמבואר בסה"מ להצ"צ בענין ברכת כהנים, און אויך אין די מאמרים וואס ריידן וועגן דעם חילוק פון ברכה און תפילה, און אין מאמר כה תברכו.

לפי"ז, אז וויבאלד בשעת מ'בענטשט א אידן ענטפערט מען דאך וכן למר, וואס נוסף אויף דעם וואס דאס איז דאך בטבע נפשותיהם, אז מ'בענטשט ענטפערט מען. ווארום אידן זיינען בטבע גומלי חסדים, כמבואר באגה"ק, איז נוסף לזה דאס א ציווי פון אויבערשטן, אז מ'זאל זאגן וכן למר, איז עס דאך א ברכה בשליחותו של הקב"ה, איז דאס בדוגמת ברכת כהנים און ס'איז ממשיך העכער פון שרש ומקור.

וואס דאס איז נוסף אויף שעם ענין הברכה מצ"ע, נאר וויבאלד מ'ענטפערט און מ'ברייננגט עס ארויס בגילוי, - וכידוע אז דער מגיד פלעגט זאגן תורה אע"פ קיינער האט ניט פארשטאנען, כדי עס צו ארויברייננגען בגילוי אין וועלט, וואס במילא וועט מען עס שפעטער קאנען פארשטיין - פועל'ט עס נאך מער, אז עס איז משיך העכער פון שרש ומקור.

מיט דעם וועט מען פארשטיין וואס ער זאגט אין ירושלמי, אז א אינו יהודי האט געבענטשט ר' ישמעאל, האט ער עם געענטפערט: כבר מילתי אמורה, און נאך דעם האט עם איינער מקלל געווען, האט ער עם געענטפערט אויך כבר מילתי אמורה, האבן עס געפרעגט תלמידיו, פארוואס האט ער געענטפערט ביידן מיט'ן זעלבן לשון, און וואס האט ער געמיינט מיט דעם לשון "כבר מילתי אמורה", האט ער זיי געענטפערט אז כוונתו צו דעם ערשטן איז געווען אויף דעם וואס שטייט, מברכיך ברוך, און צום צווייטן, דאס וואס שטייט אין פסוק נאך דעם, דער צד ההפכי.

דארף מען פארשטיין, פארוואס האט ער געענטפערט מיט אזא לשון, מיט א רמז, וואס עס זאל זיין שווער זיך פאנאנדערקלייבן, ביז אז אויך תלמידיו האבן ניט פארשטאנען, און פארוואס האט ער ניט געזאגט בפירוש?

נאר דער ענין איז, וויבאלד אז דער מברך איז געווען א גוי דערפאר האט ער ניט געזאגט בגלוי וואס ער מיינט, און האט געזאגט כבר מילתי אמורה, ווייל ער האט ניט געוואלט געבן דעם גוי א ברכה אזוי שטארק בגלוי - זאל ער זיך אליין איינקערן וואס דאס מיינט, און דעם צווייטן האט ער אויך אזוי געענטפערט ווייל - גם ענוש לצדיק לא טוב, האט ער ניט געוואלט זאגן קיין היפך הברכה, בגלוי.

אבער ווען עס וואלט געווען א ברכה פון א אידן, וואלט ער אים געענטפערט מיט א ברכה גלוי', ווארום דאס איז בשליחותו של הקב"ה און די ברכה האט א מעלה אזוי ווי ברכת כהנים, אז עס נעמט העכער פון שרש ומקור.

עפי"ז, אז עס איז א חילוק פון א איד און א גלוי, וועט מען אויך פארשטיין נאך א זאך: אז תוס' אין חולין (מט, א) ברייינגט די מעשה פון ירושלמי ברייינגט תוס' ניט ווי די גירסא אין ירושלמי, דעם פסוק מברכך ברוך, נאר דעם פסוק ואברכך מברכיך, דארף מען פארשטיין פארוואס ברייינגט תוס' דעם פסוק.

אפי' מ'זאל זאגן אז זיי האבן געפונען אזא גירסא אין ירושלמי, וויבאלד אבער אין אלע דפוסי ירושלמי איז ניט אזוי די גירסא, וואס דאס קומט דאך פון א כת"י, וואס איז זיכער געווען למראה עיני בעה"ת, איז פארוואס האבן זיי אויסגעקליבן אראפברייינגען די גירסא בלתי רגילה.

נאר דער ביאור בזה איז כנ"ל, אין ירושלמי רעדט זיך וועגן א גוי, משא"כ אין גמ', אין חולין רעדט זיך וועגן א ברכה צו א איד, איז דעריבער בנוגע א ברכה צו א גוי ברייינגט מען דעם פסוק ומברכך ברוך, ווייל דארט'ן שטייט פריער דער ענין פון היפך הברכה, און דערנאך ענין הברכה, משא"כ בנוגע א איד ברייינגט מען דעם פסוק ואברכה מברכיך, ווייל דארטן שטייט פריער די ברכה, מ'איז מתחיל מי ברכה.

עכ"פ קומט אויס אז בשעת מ'ענטפערט אויף א ברכה, איז עס א ברכה בתוספתו של הקב"ה שמרובה על העיקר.

ולכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז דער לשון תוספות מרובה על העיקר? פארוואס זאגט מען דעם לשון עיקר. עס זיינען דאך צוויי באזונדערע ענינים, וואס איז געווען פריער, און דער דבר חדש וואס קומט צו, האט געדארפט שטיין: מרובה על מה שהי' קודם, וכדומה. און אויך וואס איז דער אויפטו אז עס איז מרובה על העיקר, יעדער הוספה איז מער פון ווי דער עיקר, ווארום אויב ניט איז עס ניט קיין הוספה. נאר מ'מיינט מיט דעם צו מדגיש זיין אז די הוספה איז זייער א גרויסע, איז אויב אזוי פארוואס הייסט די פריערדיקע עיקר?

וועט מען דאס פארשטיין בהקדם וואס די גמ' (שם) זאגט אז ר' ישמעאל לערנט ארויס אז דער אויבערשטער בענטשט די כהנים פון ואני אברכם, און ר"ע זאגט אז מ'לערנט דאס אפ פון ואברכה מברכיך, און די גמ' זאגט אז דערמיט איז ר"י כהנא מסייע כהנא, פרעגט די גמ' למאי נפק"מ צי מ'לערנט עס פון ואברכך מברכיך, אדער פון ואני אברכם, פארענטפערט די גמ' אז לויט ר"י אז מ'לערנט דאס אפ פון ואני אברכם, יעמאלט בענטשט דער אויבערשטער די כהנים צוזאמען מיט די אידן, בעת זיי בענטשן אידן, משא"כ פון ואברכך מברכיך ווייס מען דאס ניט.

ולכאורה וואס איז די נפק"מ אין דעם גופא צי מתברכין עם השאר צי ניט, נאר כנ"ל וויבאלד ברכת כהנים איז עפ"י ציווי הקב"ה, איז עס ממשיך פון העכער פון שרש ומקור, משא"כ א ברכה פון א בו"ד, דעריבער אויב מ'לערנט עס אפ פון פסוק ואני אברכם אז מ'בענטשט כהנים צוזאמען מיט אידן בשעת ברכה"כ, איז די ברכה צו די כהנים אויך למעלה משרש ומקור, ווארום אלקיכם כהן, איז די ברכה פון דעם אויבערשטן בדוגמת ברכה"כ למעלה משרש ומקור.

משא"כ אויב מ'לערנט עס אפ פון ואברכה מברכיך. וואס איז פארבונדן מיט א בו"ד, מיט אברהם'ען, איז עס נאר ממשיך פון שרש ומקור. אע"פ אז אויך אברהם כהן הוא, ווארום ער איז איש החסד. עס איז אבער פארט א ברכה פארבונדן מיט א בו"ד, משא"כ ברכה"כ איז בציווי הקב"ה, איז עס למעלה משרש ומקור. און דאס איז דער אופטו וואס ר"י כהנא מסייע כהנא.

אע"פ אז אין גמ' שטייט א צווייטער הסבר, אז דאס האט די מעלה וואס די כהנים ווערן גיבענטשט צוזאמען מיט אלע אידן, איז דאס באמת איין ענין. ווארום ווי אזוי קען זיין די המשכה פון עצמות, אז ער זאל ממשיך זיין העכער פון שרש ומקור, איז דאס גופא ע"י האחדות וההתכללות וואס איז פאראן בא אידן. ווארום ווען איז ברכינו אבינו, בשעת ס'איז כולנו כאחד, ווי עס שטייט: אפרים חיבור עצבים הנח לו. אז אע"פ זיי זיינען ניט גיווען בשלימות בתומ"צ, אבער מצד האחדות פלעגן זיי מנצח זיין.

דעריבער קען אויך צו די כהנים נמשך ווערן העכער פון שרש ומקור נאר ווען זיי ווערן נתאחד מיט אלע אידן, אע"פ אז ויבדל אהרן להקדישו קודש הקדשים, אז כהנים זיינען העכער פון אלע אידן, ווען אבער ווערט נמשך די ברכ הלמע' משרש ומקור, דוקא ווען זיי ווערן נתאחד עם כל ישראל, און דער אויבערשטער בענטשט זיי בשעת זיי בענטשן אידן.

און אזוי ווי ברכה"כ איז ממשיך למעלה משרש ומקור, אזוי איז אויך כנ"ל, אז מ'בעטשט צוריק א איד'ן, איז עס דאך אויך בציווי הקב"ה, איז עס ממשיך העכער פון שרש ומקור, וואס דאס איז דער טייטש תוספות מרובה על העיקר.

וואס דער פשוט'ער טייטש אין תוספות מרובה על העיקר איז: עיקר מיינט דער שרש ומקור, דארט'ן קען דאס אבער בלייבן און עס זאל ניט אראפקומען בגילוי, טוט מען אויף אז עס זאל זיין תוספות מרובה על העיקר, אז פון עיקר זאל נמשך ווערן בגילוי.

עפ"י פנימיות איז אבער דער פי' אין דעם, אז מ'איז ממשיך מרובה על העיקר, העכער פון שרש ומקור.

בנוגע להתוועדות זו, איז דאך בענטשן יעדער איינעם באזונדער קען מען דאך ניט. און נוסף לזה איז דאך דא א מעלה אז מ'בענטשט אלעמען צוזאמען, כנ"ל בענין ברכינו אבינו כולנו כאחד, וואס יעמאלט איז דאס ממשיך ברכתו של הקב"ה באופן אחר לגמרי, און כאמור אמאל, אז מטובו של כאו"א: דאס מפרסם זיין און איבערגעבן צו אנדערע.

זאל דער אויבערשטער בענטשן אלע מברכים ומתברכים מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה בבני חיי ומזונא רוויחא, אז עס זאל נמשך ווערן העכער פון שרש ומקור, ודיבורו של הקב"ה חשיב מעשה, אז עס זאל אראפקומען בגלוי בכל המצטרך מנפש ועד בשר.

ביז דאס וועט ממשיך זיין דעם קיום היעוד הפנימי והעיקרי, אז יעלה הפורץ לפניהם, און ס'וועט פורץ זיין און קומען העכער פון שרש ומקור, אז ס'וועט זיין ופרצת ימה וקידמה וצפונה ונגבה, ביז א נחלה בלי מצרים, אז מ'וועט דורך ברעכן אלע הגבלות, בקרוב ממש.

ב. כאמור לעיל האט משה געזאגט יוסף. הוי' עליכם ככם אלף פעמים בתוספתו של הקב"ה שמרובה על העיקר, זה משלי, און הקב"ה יברך אתכם כאשר דבר לכם. ולכאורה, אויב מ'האט דעם הוספות וואס איז מרובה על העיקר, פארוואס דארף מען אינגאנצן דעם עיקר, עס איז דאך בכלל מאתים מנה.

ועד"ז אינו מובן צוליב וואס האט משה געדארפט זאגן די ברכה יוסף וגו' בשעת ער פירט אויס אז ויברך אתכם כאשר דיבר לכם, עס איז דאך בכלל מאתים מנה, ועאכו"כ בדבר המרובה ביותר, ובפרט בנדו"ד אז די ברכה של הקב"ה איז דאך איין און אופן של בל"ג, ושל משה איז דאך גבול, וואס זיי זיינען דאך באין ערוך, איז דאך דער גבול זיכער בכלל בלי גבול.

ווארום די ברכה יוסף ה' עליכם אלף פעמים איז דאך א ברכה מוגבלת, ווייל וויפל מאל אלף פעמים עס זאל ניט זיין, איז דאך דאס אלץ א מספר גבולי, ווארום פון א ריבוי גבולים קען קיין בלי גבול ניט זיין, והא ראי' אז מען וועט אראפנעמען איין מספר, ווועט דאך דער מספר ווערן מיט איינע וויינקער, וואס דאס איז דאך די ראי' אז פון א ריבוי גבולים ווערט ניט קיין בל"ג, כמבואר בספר החקירה להצ"צ.

וואס דערפאר איז דאך אלע ברכות וואס עס שטייען ביי יוסף'ן זיינען זיי אלע אין א מספר גבולי, אזוי ווי ביי אברהם'ען, אז פריער האט ער געהאט צוויי קינדער און דערנאך, נאכדעם ווי עס שטייט יוסף, האט ער געהאט זעקס, און אזוי ביי יוסף ובנימין, אז יוסף האט געהאט צוויי און בנימין צען, קומט אויס אז אפילו לאחר וואס שטייט יוסף איז דאך דאס אלץ הגבלה.

משא"כ ברכתו של הקב"ה איז געווען אשר לא ימד ולא יספר מרוב - בלי גבול. איז דאך דאס באי"ע מער ווי ברכתו של משה, איז דאך בכלל באתים מנה, איז צוליב וואס האט משה געדארפט זאגן יוסף ה' אלף פעמים, וואס דאס איז אן ענין מוגבל, בשעת עס איז דא ברכתו של הקב"ה וואס איז א ברכה בלי גבולית?

מפרשי המדרש ווילן זאגן אז לא ימנה ולא יספר ווועט זיין לע"ל, און די ברכה יוסף ה' אלף פעמים ווועט זיין ביז לע"ל. אבער באמת איז איצטער אויך פאראן די המשכה בלי גבולית, וואס אויב אזוי וואס דארף מען די ברכה פון יוסף ה' עליכם אלף פעמים, וויבאלד עס איז פאראן דער ענין הבלי גבול?

ווועט מען דאס פארשטיין בהקדם כללות הענין פון תומ"צ, וואס לכאורה וויבאלד אז דער אויבערשטער איז א"ס ובל"ג, איז דאך פארשטאנדיק אז אלע ענינים וואס ווערן פון אים נמשך זיינען אויך ניט בבחי' גבול, און זיי זיינען א"ס ובל"ג, און פונדעסטוועגן זעט מען אז כללות התורה ומצותי' זיינען במדידה ובהגבלה, וואס לכאורה האבן זיי געדארפט זיין בלי גבול אזוי ווי דער אויבערשטער איז א בלי גבול.

נאר דער ענין איז, וויבאלד אז וועלט און כללות המציאות איז א מציאות מוגבלת, ומצד גילוי הבל"ג קען דאך נתבטל ווערן די מציאות גבולית, איז כדי עס זאל ניט נתבטל ווערן, איז פאראן די מדידה פון תומ"צ.

אבער באמת, וויבאלד אז די מדידה פון תומ"צ איז א מדידה וואס א"ס אליין האט מודד געווען, מצד דעם איז דאס באמת קיין הגבלה ניט.

יעדער זאך שפיגלט זיך דאך אפ אין הלכה, געפינט מען אויך דעם ענין אין הלכה. דער דין איז, אז בשעת איינער פארדעקט די קאפ מיט די אייגענע האנט, איז דאס קיין כיסוי ניט, און אז די האנט איז אין ארבל, דעמאלט איז דאס א כיסוי. ולכאורה איז דער ארבל ניט מער ווי א טפל צום יד, וא"כ פארוואס אויב ער פארדעקט די קאפ מיט די האנט אליין איז דאס קיין כיסוי ניט, און מיטן ארבל איז דא יע א כיסוי.

איז מען מסביר, אז דאס איז מצד דעם טעם וואס אין עצם מסתיר על עצם, וואס לכאורה מאי קמ"ל דעצם איננו מסתיר על עצם. נאר דער חידוש בזה איז, אז בגילוי איז דאס יע מכסה, נאר וויבאלד אז ער אליין איז דאס מכסה, נאר וויבאלד אז ער אליין איז דאס מכסה, ער אליין איז זיך מגביל, איז דאס באמיתית קיין הגבלה ניט, און ווי ער רופט דאס אן אין המשך רס"ו, הגבלה ומדידה עצמית, וואס הגבלה עצמית איז קיין הגבלה ניט.

און דאס איז דער ענין פון תומ"צ, וואס דאס איז וואס ער אליין האט זיך מגביל געווען, אבער באמיתית הענין איז דאס קיין הגבלה ניט, ווארום אזוי קען דער גבול ניט מגביל זיין דעם בלי גבול ואדרבה ער ווערט נתבטל. משא"כ דער ענין פון תומ"צ, דאס איז הגבלה עצמית, ע"ד ווי דער בל"ג אליין איז זיך מגביל, נאר ווי דאס קומט בגלוי איז דאס בהגבלה, אבער באמיתית הענין איז דאס בלי גבול. און דאס איז וואס תומ"צ איז דער לבוש וואו עס ווערט נמשך דער בלי גבול ובמילא ווערט די מציאות ניט נתבטל.

אבער לכאורה דארף מען פארשטיין: וויבאלד אז דער ענין הבל"ג איז א געשמאקערער ענין, פארוואס דארף מען דעם גאנצן ענין הגבול וואס דורך דעם גבול זאל נמשך ווערן בל"ג, פארוואס זאל ניט זיין בלי גבול בפשיטות.

נאר דער ענין איז, אז אזוי איז געווען דער רצון אז עס זאל זיין א מציאות מוגבלת און אין די מציאות מוגבלת זאל נמשך ווערן דער בל"ג, ווארום נתאוה הקב"ה להיות לו יתברך דירה בתחתונים, וואס דער פירוש בתחתונים איז ניט תחתונים כפשוטו, ווארום ער איז ניט בגדר מקום, כמבואר בתניא, נאר דער פירוש תחתונים איז במעלה ובחשיבות, וואס דאס איז ענין הגבול. ווארום אמיתית ענין בל"ג איז דאס ביי דעם אויבערטן אליין, און יעדער הארה אין וואס פארא מדריגה מען זאל באטריידן אפילו במדריגה הכי נעלית, וויבאלד עס איז שוין נמשך געווארן, איז דאס אן ענין גבולי.

וואס אין דעם ענין הגבול, תחתונים, דארט איז נתאוה צו האבן א דירה. וכמבואר בכ"מ דער דיוק הלשון דירה, וואס אין א דירה איז דא דער אדם בכל עצמותו מיט זיינע אלע ענינים, און אזוי איז נתאוה הקב"ה צו האבן א דירה בתחתונים, אז אין תחתונים, גבול, זאל זיין א דירה לכל עצמותו, אז דער בל"ג זאל נמשך ווערן אין גבול, און דאס טוטו זיך אויף ע"י תומ"צ וואס איז מוגבל בגלוי, אבער עס איז א הגבלה עצמית, וואס במילא איז עס באמת בלי גבול.

עפי"ז וועט מען אויך פארשטיין וואס עס איז פאראן אין דעם לשון נתאוה וכו' א הוספה פון רבי'ן נ"ע. וואס דער רבי האט געזאגט אז אביו דער רבי נ"ע האט מוסיף געווען נתאוה הקב"ה להיות לו <u>יתברך</u> דירה בתחתונים, ניט ווי ער זאגט אין בהרש אן דעם ווארט יתברך.

ולכאורה וואס האט ער מוסיף געווען דערמיט, מ'דארף טאקע משבח זיין דעם אויבערשטן בשעת מ'דערמאנט אים, אבער פארוואס האט ער עס געטאן פונקט אין דעם ענין?

וי"ל בדרך אפשר דעם ביאור בזה: דלכאורה, ווי קען זיין אז אין תחתונים אין גבול זאל זיין א דירה פאר דעם אויבערשטן, וואס ער איז בלי גבול - אויף דעם איז ער מוסיף דעם ווארט יתברך, וואס ברוך איז דאס משלון המשכה, ד.ה. אז וויבאלד עס איז ברצון פון דעם אויבערשטן, ער וויל נמשך און נתברך ווערן אין תחתונים, קען דאס זיין, ווארום ער איז העכער פון אלע מדידות והגבלות.

דאס איז אויך וואס ברכתו של הקב"ה איז לא ימנה ולא יספר מרוב, וואס לכאורה איז דאך דאס א סתירה, פון איין זייט זאגט מען אז עס איז בגדר מנין ומספר, און פונדעסטוועגן זאגט מען אשר לא ימנה ולא יספר מרוב, שהו"ע הבלי גבול.

נאר כנ"ל, אז דער רצון העליון איז אז דער בל"ג זאל נמשך ווערן אין גבול, ובמילא דארף מען האבן ביידע זאכן צוזאמען, סיי עס זאל זיין גבול, אבער יאן דעם גופא זאל זיין לא ימנה ולא יספר מרוב, בלי גבול.

וואס דאס איז ע"ד הענין מקום הארון איננו מן המדה, הגם אז עס איז געווען די מדידה פון אמה וחצי ואמתים וחצי, און דאס איז א מדידה עפ"י תורה, פונדעסטוועגן איז עס געווען אינה מן המדה, ווייל כנ"ל דארף דער בל"ג נמשך ווערן אין גבול.

אעפ"כ זאגט מען אז ווי אזוי ווערט א דירה בתחתונים, איז דאס דורך די עבודה אין תורה ומצות, ולכאורה דארף מען פארשטיין: וויבאלד אז דער אויבערשטער וויל האבן א דירה בתחתונים, כנ"ל, זאל ער ממשיך זיין בל"ג אין גבול, און פארוואס דארף מען אנקומען צו עבודה?

והענין בזה, אז דער אויבערשטער וויל עס זאל ניט זיין קיין נהמא דכיסופא, נאר עס זאל זיין דאי לא עביד לי' נייחא לנפשי' לא יהיב לי' מתנתא, אז מ'גיט די מתנה צוליב די נייחא לנפשי' וואס ער טוט, דערפאר דארף זיין עבודה.

דאס איז אויך דער ענין פון ברכת כהנים, וואס לכאורה אויב דער אויבערשטער וויל בענטשן אידן, וואס דארף מען אנקומען צו כהנים, זאל ער זיי אליין בענטשן, נאר דער ענין איז כנ"ל, אז מען וויל עס זאל זיין בל"ג אין גבול און עס זאל נמשך ווערן דורך דעם גבול, במילא דארף מען אז דורך כהנים זאל נמשך ווערן ברכתו של הקב"ה.

דערפאר איז אעפ"י וואס מ'האט ברכתו של הקב"ה, האט משה רבנו געגעבן זיין ברכה, ווייל דער בל"ג פון ברכתו של הקב"ה דארף נמשך ווערן בגבול וע"י עבודת האדם, האט משה אויך געגעבן זיין ברכה אז יוסף ה' עליכם ככה אלף פעמים.

ועפי"ז מובן ג"כ דיוק הלשון תוספות מרובה על העיקר, דלכאורה כנ"ל איז עס ניט מובן, נאר דער ענין איז אז ברכתו של הקב"ה (בל"ג) ווערט נמשך ע"י הגבול און דא איז פאראן דער חיבור פוןביידע - עס איז סיי תוספות און סיי עיקר.

...ועפי"ז מובן ג"כ דיוק הלשון תוספות מרובה על העיקר, דלכאורה כנ"ל איז עס ניט מובן, נאר דער ענין איז אז ברכתו של הקב"ה (בל"ג) ווערט נמשך ע"י הגבול, און דאס איז דער חיבור פון ביידע - עס איז סיי תוספות, און סיי עיקר. און דער עיקר ווערט ניט נתבטל נאר אין עיקר ווערט נמשך דער בל"ג - תוספתו של הקב"ה.

בגלוי וועט דאס טאקע נמשך ווערן לע"ל, אבער בהעלם איז דאס יעצט אויך פאראן, אבער כללות הגילויים דלע"ל זיינען תלוי במעשינו ועבודתינו במשך זמן הגלות, דארף מען דאך זאגן אז יעצט אויך בזמה"ג איז פאראן דער חיבור פון גבול ובל"ג.

און דאס איז מצות הצדקה, וואס אע"פ אז אין מצות בכלל איז פאראן א מדידה אבער אויף צדקה שטייט רחבה מצותך מאד, וואס דאס איז דער ענין פון בל"ג אין מצות. פון צווייטן זייט איז אויך אין צדקה פאראן א הגבלה, כמ"ש באגה"ק שחומש מן המובחר ומעשר מידה בינונית, און דאס איז ווייל צדקה איז א ממוצע פון גבול ובל"ג, און אין א ממוצע איז פאראן ביידע ענינים, דערפאר איז אין צדקה פאראן ביידע ענינים - ענין ההגבלה שבצדקה און דער ענין הבל"ג, ווי דער אלטער רבי שרייבט אין אגה"ק שלאח"ז, ע"פ חסדי ה' כי לא תמנו, אז צדקה איז ענין הבל"ג, און איז ניט פארבונדן מיט יעלה סך מסויים.

בנוגע לענינינו: כאמור אז דער מברך נעמט ברכת הקב"ה בתוספתו של הקב"ה, וואס איז ברובה על העיקר, וואס איז ממשיך העכער פון שרש ומקרו, האט עס אין זיך די מעלה אז די מברכים האבן עס פארבונדן מיט א ענין של מעשה, וואס מ'האט דאס פארבונדן מיט א ענין של צדקה.